**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 08/27/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט מער ווי 24 מיליאן דאלאר צו פארברייטערן גייסטישע און פיזישע געזונט סערוויסעס פאר יונגע קינדער**

***ניו יארק'ס העלטיסטעפס פראגראם שטעלט צו פאר קינדער אונטער 3 מיט אינאוואטיווע זארג און פריע סקרינינג פאר גייסטישע געזונט אנטוויקלונג***

***גאווארנער האקול צילט צו וואקסן די פראגראם צו סערווירן 350,000 קינדער ביז 2027***

גאווארנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן מער ווי 24 מיליאן דאלאר צו פארברייטערן העלטיסטעפס (HealthySteps), אן אינאוואטיווע פראגראם וואס שטיצט יונגע פאמיליעס דורכאויס ניו יארק מיט הויכע-קוואליטעט באהאנדלונג פאר גייסטישע און פיזישע געזונט אנטוויקלונג פאר קינדער אונטער 3 יאר אלט. די פינאנצירונג וועט שטיצן ביז 50 נייע געזונטע-טריט וועבזייטלעך אלס טייל פון פלענער צו וואקסן די פראגראם צו סערווירן 350,000 קינדער דורכאויס די סטעיט ביז 2027.

"פארברייטערן צוטריט צו פריע יוגנט-יארן באהאנדלונגען איז טייל פון אונזער ארומנעמענדע צוגאנג צו שטיצן פאמיליעס דורכאויס ניו יארק," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "אלס ניו יארק'ס ערשטע מאמע גאווארנער, איז דאס פערזענליך פאר מיר - און איך וועל קיינמאל אויפהערן צו ארבעטן צו פארזיכערן אז יעדע קינד באקומט די באהאנדלונג וואס זיי דארפן."

ניו יארק'ס העלטיסטעפס פראגראם ווערט צוגעשטעלט דורך די ניו יארק סטיט אפיס פון גייסטישע געזונט, וועלכע שטיצט יעצט 97 געזונטע-שריט וועבזייטלעך ביי פעדיאטרישע און פאמיליע געזונט פראקטיצירונגען דורכאויס די סטעיט.

די פראגראם שטעלט צאם פעדיאטרישע דאקטורים מיט קינדער אנטוויקלונג ספעציאליסטן -וואס ווערן גערופן העלטיסטעפס ספעציאליסטן - צוצושטעלן סערוויסעס פאר קינדער ביזן עלטער פון 3 און זייערע פאמיליעס אין פעדיאטרישע העלט-קעיר ראמען. ווייל קינדער דאקטוירים זענען אפט דער ערשטער פונקט-פון-קאנטאקט וואס נייע קעיר געבער האָבן מיט די העלטקעיר סיסטעם, קען דער אומגעבונג זיין ווייניגער סטיגמאַטיזירט און ארויסהעלפן צו אידענטיפיצירן אויפפירונגס געזונט פראבלעמען אין די יוגנט-יארן.

קליינע קינדער און זייערע קעיר-געבער האבן נאטורליך זיבן פעדיאטרישע באזוכן אינעם ערשטן יאר פון לעבן, געבנדיג די געלעגנהייט צו אינטעגרירן גייסטישע געזונט באהאנדלונג פאר קליינע קינדער אין א קריטישע צייט ווען זייער מח ענטוויקלט זיך. העלטיסטעפס פראפעסיאנעלן דינען אלס א טייל פון די ערשט קעיר שטאב און קען צושטעלן פאר פאמיליעס נאך סקרינינגס און שטיצע פאר פידינג, אויפפירונג, שלאף, צוגעבינדנקייט, דעפרעסיע, סאשעל באדינגונגען פון געזונט, און דאס צופאסטן צו די קאמפליצירן פון א ניי געבוירן קינד.

**אפיס פון גייסטישע געזונט קאמישענער דר. אן סוליוואן האט געזאגט,** "פארברייטערן העלטיסטעפס וועט צאמברענגען מער גייסטישע געזונט פראקטיצירער מיט פאמיליעס אין פעדיאטרישנס' אפיסעס צו שטיצן די וואוקס און אנטוויקלונג פון יונגע ניו יארקערס. די פראגראם העלפט פאמיליעס צו אדרעסירן זייער קינד'ס פיזישע און עמאציאנאלע געברויכן אין א אויפנעמענדע אומגעבונג. גאווארנער האקול'ס ווייטערדיגע שטיצע פאר די פראגראם העלפט פאמיליעס באקומען די עמאציאנאלע שטיצע וואס זיי דארפן אין א צייט ווען פריע אינטערווענשן איז די מערסטע עפעקטיוו."

**סטעיט סענאטאר סאמרא בראוק האט געזאגט,** "אלס א מאמע, פארשטיי איך אז פריע יוגנט-יארן באהאנדלונג איז וויכטיג צו א קינד'ס מעגליכקייט צו בליען. איך אפלאדיר גאוו האקול'ס באמיאונגען צו העלפן אלע ניו יארקערס קענען באקומען די באהאנדלונג וואס זיי דארפן אין א הויפט עלטער אין זייער אנטוויקלונג. די פינאנצירונג וועט פארשטערקערן העלטיסטעפס' ארבעט צו העלפן פאמיליעס דורכאויס די סטעיט באקומען די גייסטישע און פיזישע באהאנדלונג וואס איז קריטיש אין אנהייב לעבן. פארמערן די סערוויסעס וואס פאמיליעס האבן צוטריט דערצו איז וויכטיג ערלויבנדיג זיי צו האבן א לעבן פון גוטע גייסטישע און פיזישע."

**אסעמבלימעמבער איילין גונטער האט געזאגט,** "איך בין זייער צופרידן אז די העלטיסטעפס פראגראם פארברייטערט זיך, און איך אפלאדיר גאווארנער האקול פארן צושטעלן די 24 מיליאן דאלאר צו פינאנצירן די וואוקס. פארבינדן טשיילדקעיר אנטווילקונג ספעציאליסטן מיט פעדיאטרישנס און עלטערן איז א זייער גוטע וועג צו פארזיכערן אז קינדער אין ניו יארק באקומען די מערסטע גוטע באהאנדלונג מעגליך. אלס די טשעיר פון די ניו יארק סטעיט אסעמבלי גייסטישע געזונט קאמיטע, איך בין זייער געמוטיגט צו זען גייסטישע געזונט און אנטווילונג ספעציאליסטן ווערנדיג אריינגערעכנט אין די קריטישע געשפרעכן און באשלוסן וואס נעמען פלאץ דורכאויס די ערשטע פאר יאר פון א קינד'ס לעבן."

די לעצטע פינאנצירונג מעגליכקייט פירט ווייטער גאווארנער האקול'ס פאקוס אויף קינדער און יוגנטליכע גייסטישע געזונט, ווייטער טוענדיג די ארבעט וואס זי האט אנגעהויבן אלס טייל פון איר 1 ביליאן אינוועסטירונג אין גייסטישע געזונט דורכאויס די סטעיט וואס האט זיך אנגעפאנגען מיט די אדאפטירונג פון די 2024 פיסקאלע יאר סטעיט בודשעט. דער פאקוס אויף יוגנטליכע שטיצעס און סערוויסעס זעצט פאר מיט נאך אינוועסטירונגען פארזיכערט אין די 2025 פיסקאלע יאר סטעיט בודזשעט.

גאווערנער האקול האט גענומען שריט צו פארברייטערן גייסטישע געזונט שטיצע פאר קינדער דורכאויס די סטעיט און פארזיכערן אז מען הערט זיך איין צו זיי, פארוויקליכנדיג אויף אן אגענדא וואס זי האט אויפגעדעקט אין איר סטעיט פון די סטעיט אדרעסירונג אין יאנואר. ביז צו 20 מיליאן דאלאר אין סטארט-אפ פינאנצירונג איז יעצט ערמעגליכט פאר שולע-באזירטע גייסטישע געזונט קליניקס צוזאמען מיט א פארזעצנדע אפליקאציע פראצעדור צו פארגרינגערן פאר אינטערעסירטע שולעס צו שטעלן די סאטעליטס אנשטאט די אמאליגע פראצעדוך פון קויפן דורך די סטעיט.

די 2025 פיסקאלע יאר בודשעט נעמט אויך אריין אן אינוועסטירונג פון מער ווי 19 מיליאן דאלאר צוצושטעלן קריטישע באהאנדלונג פאר יונגע מענטשן אינדרויסן פון די שולע אומגעבונג, אריינרעכענענדיג פארמערן ריסאורסעס פאר יוגנטליכע וועלכע באקומען באהאנדלונג אין זייער געמיינדע אדער, ווען נויטיג, אין רעזידענשל קעיר. הויפט איניציאטיוון רעכענען אריין פארברייטערן די יוגנט ACT פראגראם צוצולייגן 12 נייע טיעמס דורכאויס די סטעיט, צושטעלנדיג שטיצע פאר יוגנטליכע וואס ראנגלען זיך מיט גייסטישע קראנקהייט צו בלייבן אינדערהיים און אין זייערע שולע געמיינדעס, אנשטאט ווערן באהאנדלט אין רעזידענשל און אין פארמאכטע איינשטאלטן.

אין יוני, האט גאווארנער האקול אונטערגעשריבן צוויי גרויסע שטיקער פון געזעצגעבונג צו העלפן שאפן א מער זיכערע דיגיטאלישע אומגעבונג פאר ניו יארק'ס יוגנטליכע, אריינרעכענעדיג די SAFE פאר קינדער אקט צו פארלאנגען סאשעל מידיע קאמפעניס צו באגרעניצן אדיקטיוו פידס אויף זייערע פלאטפארמעס פאר באנוצער אונטער 18; און די ניו יארק קינדער דאטא באשיצונגס אקט וועט פארבאטן אנליין זייטלעך און פארבינדענע דעווייסעס פון זאמלען, נוצן, מיטטיילן אדער פארקויפן פערזענליכע דאטא פון סיי וועם אינטער די יארגאנג פון 18.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336



זיך ארויסשרייבן